נאר באמת איז דאס פארשטאנדיק, ווארום ס׳איז פאראן א מעלה נפלאה בתקופה הא׳ וואס איז פאר די תקופה פון ביטול מנהגו של עולם, און דאס איז, ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא, אז אפילו למ"ד "מצות בטלות לע"ל", איזדאס נאר לאחר שיחיו המתים, משא"כ בימות המשיח וועט נאך זיין דעם ענין פון קיום המצות, און דאס וועט זיין אין אן אופן פון "כמצות רצונך", וכמבואר בהמשך וככה, אז ווען איז שייך אמיתית הענין פון קיום המצות - "כמצות רצונך" - איז דאס דוקא לע"ל, ווארום בזמן הגלות איז דאס ניט שייך, אבער לע"ל ווען דער אדם וועט זיין בשלימות און דער בהמה בשלימות, איז יעמולט שייך אמיתית הענין פון "כמצות רצונך", ד.ה. אז וואו איז דער תכלית השלימות פון קיום המצות, איז דאס דוקא בתקופה הא׳, פאר תחה"מ, וואס דאס איז א מעלה נפלאה, ולכן איז אע"פ אז מצד עצם העבודה זיינען אידן שוין זוכה צו תחה"מ, איז דער אויבערשטער ציט אויס דעם זמן בכדי אז מ׳זאל קענען נהנה זיין פון קיום המצות באופן של "כמצות רצונך",

און אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט דאך אז די אלע ענינים זיינען "דברים סתומים", און מ׳ווייס ניט בגוי ווי עס וועט זיין, איז יה"ר שבקרוב ממש נזכה לראות כל הענינים בפועל, ולהשתתף בהענינים האלו, והוא בהוכם, וכנ"ל שצדיקים יקומו בתחלה, ויוליכנו קוממיות לארצינו, בקרוב ממש, און אויך אפילו בתרגום לשון "בעגלא דידן".

ד. ס׳איז אויך פאראן וואס מ׳האט לעצטנס איינגעפירט - אז עס קען זיין א ענין פון מחנה ילדים - בן ילדים - פאר ילדים קטנים ביותר, ( וואס תבוא עליו ברכה אויף איינפירן דאס, און עס זאל זיין ממנו יראו וכן יעשו) וואס דאס איז אויך פארבונדען מיט דעם ענין פון חינוך, ווי בערעדט פריער אז חינוך איז פארבונדען מיט <u>עולל ויונק</u>, פאר בן שש ובן שבע וואס די גמרא זאגט,

בהמשך צו דעם ענין [אזוי ווי י"ב תמוז איז ניט <u>נאר</u> דער יום הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, נאר אויך זיין יום הולדת] איז כאן המקום אויף איבערדערציילן א מעשה וואס דער בעל הגאולה האט דערציילט וועגן זיין פאטער - דער רבי רש"ב - אין זיינע ערשטע חינוך יארן,

[וואס דא זעט מען ווי אין יעדער מעשה פון רבותינו נשיאנו איז פאראן אין דעם כמה ענינים של הלכה, ביז א סברא [illegible] הלכות, וואס דער ענין הלימוד איז נתחדש געווארן דוקא בזמן הזה]

וואס דער סיפור איז- אמאל פלעגט זיין דער מנהג אז בשעת מ׳פלעגט ארייינפירן א אינגעל אין חדר צום ערשטןמאל, פלעגט מען אים באווארפן מיט צוקערקעס, און מ׳פלעגט זאגן אז דאס ווארפט מיכאל מלאך ישראל - אזוי איז אויך געווען ביים רבי׳ן נ"ע, אז בשעת מ׳האט אים ארייינגעפירט אין חדר, האט דער זיידע -הצ"צ - אים געווארפן צוקערקעס, און געזאגט אז דאס ווארפט מיכאל מלאך ישראל,

[ווי גערעדט אמאל בארוכה, איז לכאו׳ אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: מ׳זאגט דעם קינד אז דאס ווארפט מיכאל מלאך ישראל, און די מעשה איז ניט אזוי, איז ווי קען מען זאגן א זאך וואס איז ניט אמת?

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

- נאר ווי -

נאר ווי געזעדט אמאל, אז וויבאלד דאס איז א ענין פון תורת אמת, איז זיכעראז דער אמת איז אזוי, אבער דעמולט האט מען ניט געזעדט ווי דאס איז פארבונדען מיט הלכה],

וויבאלד מ'האט איס געזאגט אז דאס האט געווארפן מלאך מיכאל איז דאס געווען בא איס זייער טייער, און ער האט זיך ניט געוואלט אפשיידן פון די צוקערקעס, האט ער זיך ארוס געטראגן מיט דעס, געהאלטן זיך מיט דעס, ביז ס'איז געקומען פאר נסח, און מ'איז ניט געווען ברור צי די ענינים זיינען כשר לפסח, האט דער צ"צ געפרעגט וואס איז געווארן מיט די צוקערקעס, און האט איס מסביר געווען בער גודל האיסור פון חמץ בפסח, ביז מ'האט געפועל'ט אז ער זאל דאס אופעסן, וואס אזוי איז דער סיפור פון רבותינו נשאנו,

אין דער מעשה זעט מען כמה ענינים של הלכה;

וואס א הנהגה הדומה לזה געפינט מען בא פוילישע גוטע אידן, גדולי ישראל, ענינים וואס זיי האבן מקבל געווען פון זייער רבי'ן, און בא זיי איז דאס געווען טייער, געפינט מען צוויי פארשידענע הנהגות, בשעת עס איז געקומען ערב פסח,

[מ'איז דאך ניט קיין אחראי אויף דעס ענין, וויבאלד אבער דער ענין האט אן ארט, ובפרט אז ס'ברייננגט זיך מיט א נאמען ווער איז געווען דער נותן און ווער איז געווען דער מקבל, איז פארוואס זאל מען אנעמען אז דער ענין איז ניט ריכטיג, בשעת דער ענין האט אן ארט, און מ'קען אנעמען אז ס'איז יע ריכטיג],

בא אייניגע איז געווען די הנהגה (ווי ס'ברייננגט זיך אין ספרים), אז מ'האט עס מפקיר געווען; מ'האט דאס ארויסגעטראגן במקום הפקר, נאר ניט אין רשות הרבים וואו עס ווארפט זיך איך די אויגן, נאר אין א מקום וואו ס'גייען ניט קיין מענטשן, און מ'האט עס מפקיר געווען בלבב שלום, און אחרי פסח האט מען דאס צוריק זוכה געווען,

בא אנדערע איז געווען די הנהגה, אז מ'פלעגט דאס פארקויפן צו א גוי; ס'איז געווען א אמת'ע מכירה, א מכירה ע"פ תורת אמת, א מכירה אמיתית, און אחרי פסח האט מען דאס צוריקגעקויפט,

פון סיפור הצ"צ זעט מען שיטתו בהלכה אין דעס.

[וואס בשעת מ'זאגט אז מ'גיט די שיריים איבער אין א צווייטענ'ס רשות שטעלט זיך די שאלה: וועלכער איז גובר, צי כבוד רבו אדער רצון רבו; ס'איז היפוך כבוד רבו אז דאס זאל זיין אין א גוי'ס רשות, און ס'איז היפוך הרצון פון רב אז דער ענין זאל אופגעגעסן ווערן, ווייל דער רבי וויל אז ער זאל דאס האבן, איז דא שטעלט זיך די שאלה וועלכער איז גובר],

וואס דער ענין פון פארקויפן צו א גוי, איז דאס היפוך כבוד רבו, אז דעס רבי'נס א זאך זאל מען אפגעבן א גוי,

אע"פ אז בא*מכירת חמץ קען זיין אז ער וועט זוכן אזא וואס איז פון חסידי או"ה, און ס'איז דא דער ווארט פון ר' הלל מיוסד אויפן דרוש פון אלטן רבי'ן אויף שבת ימים - אז חסידי או"ה זענען מקבל זייער חיות פון טוב שבנוגע, ובפרט אז ס'איז אזא גוי וואס איז מציל

---

*) וכפס"ד הרמב"ם (הל' מלכים ספ"ח) שיש להם חלק לעוה"ב.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> - א איד -

א איד פון א איסור כרת, האט ער זיכער א שייכות צו קליפות נוגה, איז כאטש דאס ליגט ניט בא ג׳ קליפות הטמאות לגמרי - נאר אין רשות פון נוגה - אעפ"כ איז דאס ניט אן ענין של קדושה, נאר א ענין של קליפה, פונדעסטוועגען בשעת דאס ליגט ביים גוי אין רשות איז דאס היפוך כבוד רבו, אז א זאך וואס מ׳האט געקראגן במתנה פון א צדיק גיט מען דאס אפ א גוי,

אבער דא ווערט די שאלה: אויב דאס גייט איבער אין רשות עכו"ם, איז וואס בלייבט פון דעם רבינ׳ס רכוש, דאס איז דאך אריבער אין א צו ייטנ׳ס רשות, איז ווען ער קויפט דאס צוריק, מיט וואס איז דאס דעם רבי׳נס א זאך?

מ׳קען ענטפערן אויף דעם, אז ס׳ווענט זיך אויף ווי טיף עס דערלייגט דעם רבי׳נס אופטו אין דער זאך, און אויף וויפל עס דרלאנג דער איסור חמץ: מ׳קען זאגן אז דער רבי פועל׳ט אין עצם הדבר, און דער איסור חמץ איז ניט נוגע אין עצם הדבר, בלויז נוגע אין תואר הדבר; חמץ ומצה איז א דבר וואס איז נוסף על העצם, וואס דאס איז דער ענין פון חמץ ומצה,

[וואס דערפאר איז דער בין בשעת ס׳ווערט נפסל מאכלת כלב, לי איז ניטא דער איסור חמץ, ווארום עס ווערט נתבטל דער תואר חמץ, כאטש עס בלייבט דער עצם הדבר, ס׳בלייבט די ד׳ יסודות, פונדעסטוועגען אז ס׳ווערט נתבטל דער תואר הדבר איז ניטא דער איסור חמץ],

איז ע"פ סברא זו (אז חמץ רירט ניט אן אין עצם הדבר) קען מען זאגן אז וואס פארקויפט ער דעם גוי - און וואס גייט אריין אין גוי׳ס רשות - בלויז דארט וואו דער איסור חמץ דערלייגט, וואס דאס איז נאר אין תואר הדבר, און דעם רבי׳נס פעולה איז אין עצם הדבר [ע"ד ווי בשעת א איד טוט א מצוה מיט א זאך, רירט דאס אן אין עצם הדבר, דאס ווערט בעצם אן ענין של קדושה],

לפי"ז קומט אויס אז דאס וואס דער רבי האט געמאכט הייליק, דאס גייט ניט אריין אין גוי׳ס רשות, עס בלייבט אלעמאל אין רבי׳נס רשות,

דאס איז אבער א דוחק דאס דורכצוזעצן, סיי מצד הלכה ועאכו"כ מצד פנימיות הענינים, ווארום אפילו מצד הלכה איז משמע אז איסור חמץ דערלייגט אין עצם הדבר, וואס דערפאר איז עיקר ביאור חמץ בשריפה דוקא - עכ"פ לדעת ר׳ יהודה - וואס שריפה איז מפרד די ד׳ יסודות, וואס דאס דערלייגט אין עצם הדבר, זעט מען אז דער איסור חמץ דער-לייגט ניט נאר אין תואר הדבר, נאר אויך אין עצם הדבר,

וואס דערפאר איז ניט געווען בא די רביים די הנהגה פון פאר-קויפן - כנ"ל - מצד דעם וואס דאס גייט אריבער אין גוי׳ס רשות,

עד"ז די צווייטע הנהגה (וואס שטייט אין ספרים) אז מ׳פלעגט דאס מפקיר זיין;

וואס בנוגע צו הפקר איז פאראן צוויי סברות -וואס איז דער ענין פון הפקר: א) אז בשעת מ׳איז מפקיר אזאך באליינגט דאס צו אלעמען, ב) אז עס באליינגט צו קיינעם ניט, קיינער האט ניט רשות בעלות; ד.ה. עס איז א דבר ברור אז עס דאדף ארויסגיין פון זיין רשות, אבער דאס קען זיין אין צוויי אופנים, אדער דאס ווערט אלעמענס, אדער דאס ווערט קיינעמס ניט, (ראה צפנת פענח על הרמב"ם פ"ב מהל׳ נדרים הל׳ י"ד).

הנחת הת׳ בלתי מוגה — - למאי׳ -

למאי נפקא מינה?

עס איז דאך דא א דין (ב"מ י,א), אויב א מיצער הויבט אויף א מציאה פאר זיין חבר, איז דער חבר דאס ניט קונה, ווארום מ'קען ניט קונה זיין פאר א צווייטן במקום שחב לאחרים – וויבאלד מיט דעם וואס ער הויבט אויף די מציאה פאר זיין חבר קען דאך א צווייטער ניט זוכה זיין אין דעם, קען מען דאס ניט זוכה זיין במקום שחב לאחרים, [אויב ער הויבט אוף פאר זיך איז דאס בגדר מציאה].

זאגט די גמרא אין ביצה (לט,א) וועגן מעינות הנובעין; אויב איינער האט ממלא געווען פאר'א נאנדערן וואסער פון מעינות הנובעין, זאגט רב נחמן אז דאס איז כרגלי מי שנתמלאו לו, אז דאס ווערט פאר-רעכענט לויט דעם וואס מ'האט פאר אים דאס אנגעשעפט, ד.ה. אז מ'מעג דאס נעמען אין יו"ט אלפים אמה פון דער ארט וואו עס געפינט זיך דער פאר וועמען מ'האט אנגעשעפט די וואסער, רב ש"ת זאגט אז דאס איז כרגלי הממלא, אז מ'מעג דאס פירן אין יו"ט אלפים אמה פון דעם ארט וואו מ'האט דאס אנגעפילט, איז די גמרא דארט מהשיך במאי קא מיפלגי, מר סבר בירא דהפקרא הוא, ומר סבר בירא דשותפי הוא, רב נחמן האלטאאז דער טייטש פון הפקר איז אז דאס איז אלעמענס, איז דערפאר פאר וועמען מ'האט געשעפט די וואסער אויך א חלק אין דעם מעין, רב ש"ת האלט אז דער טייטש פון הפקר איז אז ס'איז קיינעמ'ס ניט, במילא קען דאס ניט ווערן פאר וועמען מ'האט געשעפט, ווייל ער האט ניט קיין חלק אין דעם,

בנוגע לענינינו, אויב מ'וועט לערנען אז דער ענין פון הפקר איז אז עס באליינגט צו אלעמען, וואלט אויסקומען אז ווען מ'וואלט מפקיר געווען די צוקערקעס, וואס דער רבי נ"ע האט געקראגן פון צ"צ, וואלט דאס באליינגט צו אלע גוים, ווארום בני ישראל אין רצונם בחמץ בחג הפסח, זענען אלע אידן זיכער מסלק זייער רשות פון דעם, איז צו וועמען איז מען דאס מפקיר – צו גוים –,

דערפאר איז אויך ניטא בא די רביים דעם ענין פון מפקיר זיין, ווארום יעמולט געהערט דאס צו אלע גוים,

און דאס איז נאך ערגער ווי פארקויפן; בא פארקויפן צו א גוי, קען ער זוכן אזא גוי מחסידי אוה"ע, משא"כ בשעת ער איז דאס מפקיר, יעמולט געהערט דאס צו אלע גוים, אויך צו ניט חסידי אוה"ע, וואס דאס איז היפוך כבוד רבו,

ואפילו מיר וועלן אנעמען אז הפקר באליינגט צו אלעמען (וואס יעמולט באליינגט דאס אויך צו אידן, ניט דוקא צו גוים, פונדעסטוועגן) איז דאס העדר הכבוד, ווארום דאס קען ווערן דם ובשר כבשרו, און ער גיט דאס אפ צו א צווייטן,

דעריבער האט מען זיך משתדל געווען אז דער רבי נ"ע זאל עס אופעסן די צוקערקעס, און ניט פארקויפן און ניט מפקיר זיין, *) און מ'זעט די טיפע ענינים וואס ליגט אפילו אין א סיפור, אז עס דארף זיין הפך בה והפך בה,

און דאס איז אויך די הוראה אין דעם ענין החינוך; מ'זעט אויף וויפל עס איז געווען די השתדלות אויף חינוך; אפילו בשעת ער איז געווען א קטן פונדעסטוועגן טאר ער דאס ניט האלטן, כאטש מלאך מיכאל האט דאס אים געגעבן,

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

*) לכאו' הלא ה' ילד, וקטן זוכה בדעת אחרת מקנה אתו, אבל לא מקנה? ראה בחו"מ סר"ע ס"ב ברמ"א דהרי הוא של אביו כיון שסמוך על שולחנו.

– און –

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

און בשעת עס קומט א ציווי פון רעם אויבערשטן, איז מען דאסמקיים מיט מס"נ; ס'איז געווען א מס"נ אויף אופעס, ווארום דאס איז געו ועו טייער בא איס, מ'איז אבער אויך מחנך אויך מס"נ,

וואס אזוי דארף זיין בא יעדער די השתדלות אויף מחנך זיין א קטן ביותר, ו אס דאס הויפט זיך אן פון די עקרת הבית, ווארום וואו איז פאראן דער עיקר ענין החינוך אין די יארן, איז דאס דוקא בא עקרת הבית,

און דער חינוך איז ניט אזויפיל אין וואס ער לערנט, נאר דער סביבה וואס ער זעט ארום זיך, וואס אזוי איז דער טבע אז די סביבה פועל'ט, בפרט בא א קטן וואס נ האט ניט שלימות ענין השכל - איז בא איס פועל'ט זייער די סביבה, דערפאר איז נוגע בעיקר די סביבה ארבם,

און אויב עס פעלט אין חינוך איז א ראי' אז עס פעלט אין מאן, וויבאלד "איזהו אשה כשרה שעושה רצון בעלה" איז אויב עס פעלט אין "עושה פעלט אין "רצון", ווארום בנות ישראל מצד עצמה כשרות,

ועי"ז חינוך באופן כזה - מיט קליינע קינדער - און ווי געדעט אין די לעצטע וואכן אזבימי הקיץ זאל מען אויסנוצן וואס מער אידישע קינדער לחינוך כשר ע"פ תורה, און ע"י חינוך בימיהקיץ גרייט מען זיי צו ימי האלול שלאחריו - און נאך פאר דעם גרייט מען זיי צו די טעג וואס הייבן זיך אן יום שלישי בשבת, וואס בקרוב ימים אלו יהפכו לששון ולשמחה, ע"י ביאת משיח צדקנו, נאך אין די דרויי טעג.

ה. מאמר כעין שיחה עה"פ דרך כוכב מיעקר

ו. מ'איז דאך רגיל לערנען א ענין אין פירוש רש"י, שטעלן זיך אויף די עניינים פארוואס רש"י שטעלט זיך ניט, כאטש אלע פשטני המקרא, דער אבן עזרא, רמב"ן, ספורנו, אור החיים הקדוש זאגן אויף דעם פירושים, און דער רמב"ן שרייבט אין דעם דריי ענינים (אויך דער רמב"ם אין מו"נ שרייבט וועגען דעם) און רש"י איז גארניט מפרש, מוז מען זאגן אז רש"י האט דאס ערגעץ פריער באווארענט,

בנוגע צו אונזער פרשה איז דאס דער ענין פון "ויפתח הוי' את פי האתון", לכאו' איז ניט פארשטאנדיק, פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן א נס מיוחד, אז עס זאל זיין "ויפתח גו'", ס'איז דאך ידוע דער כלל "לא עביד קוב"ה ניסא למגנא" (ראה דרשות הר"ן ד"ח, וראה שבת נג,ב), און דער כלל איז אויך מובן בפשטות, ווי דער קינד האט שוין געלערנט אז די חוקי הטבע "יום ולילה וגו' לא ישבתו" (נח ח,כב), עס האט געקענט זיי אז פריער זאל דער אתון זיך אפשטעלן און דערנאך זאל בלעם זען דעם מלאך, און דער מלאך זאל איס זאגן אז ער וויל איס אפשטעלן, פארוואס איז געווען דער "ויפתח ה' את פי האתון"?

דער פירוש (מפרשים) אז עס איז געווען בחלום הלילה, נעמט דאס רש"י ניט אן, ווי רש"י שרייבט אויף ואותה החיית, הרגתי' שלא יאמרו זו היא - אז מענטשן זאלן ניט זאגן, זעט מען דערפון אז לויט רש"י האבן מענטשן געהערט די רייד פון אתון, מוז מען זאגן אז עס איז געווען א דיבור בגשמי, וואס דאס איז א נס גלוי ביותר, ואעפ"כ שטעלט זיך ניט רש"י אויף דעם?

- אין די -